יו״ל ע״י איחוד תלמידי וחסידי טאהש

# גליון באור החיים

פרשת תבוא - תשפ״ו לפ״ק | גליון תתצ״ה

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה״ח ר׳ **יעקב יוסף כהנא** הי״ו
משב״ק אצל כ״ק מרן רבינו שליט״א
לע״נ אביו הרה״ח ר׳ **ניסן משה** בן ר׳ **שלום** ז״ל
יארצייט ביום השבת קודש - ט״ז אלול הבעל״ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב״ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע״י מוה״ר **אהרן ציג** הי״ו (מאנסי)
לע״נ אביו הרה״ח ר׳ בנימין זאב בן ר׳ אליהו ע״ה - יארצייט י״ח אלול
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב״ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

### בעת הגאולה יהיה שמחה שלימה

**והיה כי תבוא אל הארץ.**

אפשר לפרש הטעם למה נסמכה פרשת והיה כי תבוא אל פרשת מחיית עמלק, דפרשת כי תבוא רומז על הגאולה שלימה, ולכן התחיל בתיבת 'והיה', כי בחורבן בית המקדש בטלה כח השמחה, כמו שכתוב (ישעי' כד יא) ערבה כל שמחה גלה משוש הארץ, ועד עת תיקון השלם לא שייך ענין שמחה בשלימות, וכמו שאמר הכתוב (תהלים קלז ו) אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי, שבכל שמחה צריכין להזכיר ענין חורבן ירושלים, ורק בעת התיקון השלם תהיה השמחה בשלימות, כמו שכתוב (שם קכו ב) אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה.

וזהו 'והיה', אין והיה אלא לשון שמחה, מתי תהיה שמחה שלימה, 'כי תבוא', כאשר תהיה יחוד השלם, שהוא ענין ביאה ונישואין אל הארץ, עם כנסת ישראל הנקראת בשם ארץ, שהיא בחינת מלכות, 'אשר ה' אלקיך נותן לך', היינו שאז תתעלה בחינת ארץ בחינת מלכות, ותתייחד עם ה' אלקיך, כי השכינה תתייחד עם קוב״ה ביחודא שלים.

ומטעם זה נסמכו פרשיות הללו, פרשת והיה כי תבוא אל פרשת מחיית עמלק, כי אמרו חז״ל (תנחומא פרשת תצא) אין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק, לכן מיד אחר מצות מחיית עמלק, נאמר כי תבוא אל הארץ, כי כאשר ימחה שמו של עמלק, תהיה עת היחוד השלם, עת ביאה ונשואין, ויהיה שמו של הקב״ה שלם והכסא שלם, בעת הגאולה במהרה בימינו.

(עבו״ע פתג״ק תבוא)

### אין התורה נקנית אלא בחבורה

**הסכת ושמע ישראל היום.**

אמרו חז״ל (ברכות סג:) הסכת ושמע ישראל היום, עשו כתות כתות ועסקו בתורה.

ואפשר לרמז בזה, דהנה לימוד התורה ועסק התורה, צריך להיות בבית המדרש במקום רבים, או להקשיב לשיעורים הנלמדים ברבים, לפי שאין התורה ניקנית אלא בחבורה, כדאיתא בגמרא (ברכות ס״ג ע״ב) דאמר רבי יוסי ברבי חנינא מאי דכתיב (ירמי' נ' ל״ו) חרב אל הבדים ונואלו, חרב על שונאיהם של תלמידי חכמים שיושבים בד בבד ועוסקים בתורה, ולא עוד אלא שמתטפשים, ולא עוד אלא שחוטאים, והכוונה בזה, כי כאשר האדם עוסק בתורה לבדו, מעיינין ומדקדקין עמו, אם הוא לומד בכוונה הראוי', ואם לא נמצא חטא וחסרון בלימודו, ואם הוא ראוי שתורתו תעלה לרצון לפניו יתברך, וכיון שאין לו כח הרבים שיגין עליו, מענישין אותו על חטאיו ח״ו, וזהו חרב אל הבדים, מה שאין כן אם הוא לומד התורה ברבים, אז אין שטן ואין פגע רע יכול לשלוט עליו, ולכן אין התורה נקנית אלא בחבורה.

(עבודת עבודה דב״ק כי תשא)

**פותח שערים בתבונה, אז דו וועסט זיך זעצן לערנען פלייסיג, וועלן זיך די טויערן עפענען פאר דיר.**

(מפי רביה"ק זי"ע - להרה"צ אב"ד באניא ק"י שליט"א)

## דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דברי רב - באדיש


המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **אלעזר פריעדמאן** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לדורות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


### אויב פלאגט מען זיך אויף די תורה הק', דארף מען זיך נישט פלאגן פאר פרנסה

**ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך.**

עס שטייט אין מדרש ברוך אתה בבואך בפרקמטיא שלך, וברוך אתה בצאתך בפרקמטיא שלך, ודוד מפרשה ה' ישמור צאתך ובואך. ע"כ.

די פשט אין מדרש איז אזוי, די ענין פון יציאה און ביאה איז געזאגט געווארן, אויף די עסק פון משא ומתן, אזוי ווי דער פסוק זאגט (דברים ל"ג ח') שמח זבולן בצאתך וואס דאס מיינט ביים ארויסגיין צו די געשעפטן, און אזוי ווי דער פסוק זאגט (תהלים ק"ד כ"ג) יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב.

דארף מען לויט דעם פארשטיין, פארוואס זאגט דער פסוק ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך, עס וואלט געדארפט שטיין קודם ברוך אתה בצאתך און נאכדעם וברוך אתה בבואך, ווייל קודם גייט מען ארויס צו דער ארבעט און נאכדעם קומט מען אהיים, אזוי ווי דער לשון הפסוק (תהלים קכ"א ח') ה' ישמור 'צאתך ובואך'.

נאר מ'קען עס מבאר זיין לויט ווי עס איז ידוע, אז ווען נישט די חטא אדם הראשון, וואלט די פרנסה געקומען אן א יגיעה און אן השתדלות, און אזוי ווי דער אייבערשטער שיקט עסן פאר די בהמות חיות און עופי השמים, אזוי וואלט אויך געווען ביי די מענטשן, אזוי ווי חז"ל זאגן אז פאר די חטא האבן די מלאכים געברענגט פאר אדם הראשון צו עסן אין גן עדן, און וויבאלד אדם הראשון האט געזינדיגט און אריינגעברענגט א זוהמא אין אלע זיינע קינדער, האט דער אייבערשטער גוזר געווען אז בזיעת אפיך תאכל לחם, כדי אז דורך די יגיעה זאל ער נזדכך ווערן פון די זוהמת החטא, אבער די כוונה איז נישט אז דורך די יגיעה באקומט ער די פרנסה, ווייל נאך די חטא איז נישט נשתנה געווארן די טבע הבריאה, אז דער אייבערשטער איז ממציא טרף פאר אלע נבראים, נאר דער אייבערשטער האט גוזר געווען אז דער מענטש דארף זיך פלאגן אויף דעם, כדי אז דורך דעם זאל ער נזדכך ווערן פונעם חטא.

און דאס איז פשט אינעם מדרש, ברוך אתה בבואך, בפרקמטיא שלך, ברוך אתה בצאתך בפרקמטיא שלך, דאס מיינט, אז ווען דו קומסט פון די געשעפט, און די ברכה ליגט שוין אין דיינע הענט, דארפסטו וויסן אז ברוך אתה בצאתך, אז די ברכה איז שוין געווען אנגעגרייט פאר דיר נאך פאר דו ביסט ארויסגעגאנגען צו די געשעפט, און נישט די ארויסגיין צו די געשעפטן האט דיר געברענגט די ברכה, נאר דאס ארויסגיין צו די געשעפטן איז א גזירה פונעם אייבערשטן, כדי צו נזדכך ווערן פונעם חטא.

און וויבאלד עס איז אזוי, איז אויב א מענטש איז זוכה נזדכך צו ווערן פון די זוהמא דורך אן אנדערע אופן, וואס דאס איז דורכ'ן עוסק זיין בתורה, ליגט שוין נישט אויף אים די חיוב פון עוסק זיין במשא ומתן, אזוי ווי חז"ל זאגן תורה מתשת כחו של 'אדם', איז פשט אז די עסק התורה מאכט שוואך די כח הזוהמא וואס קומט פון די חטא אדם הראשון.

און אויף דעם זאגט דער פסוק ווייטער, 'יצו ה' אתך את הברכה באסמיך ובכל משלח ידיך', יצו איז א לשון פון צוותא חדא, און דאס איז פשט 'יצו ה' אתך', דאס מיינט ווען דער אייבערשטער וועט זיין דבוק מיט דיר, ווייל דו וועסט זיין דבוק אינעם אייבערשטן און אין די תורה, דעמאלטס וועט זיין 'את הברכה באסמיך', וועט דיר קומען די ברכה אין דיינע אוצרות, אן קיין שום פעולה, און אויב נישט וועט זיין 'במשלח ידך', דורכ'ן עוסק זיין במשא ומתן.

(עבו"ע פתג"ק)


מעומק הלב פנימה, וברגשי גיל חדוה ושמחה, כסא דברכתא נרימה, בקול צהלה נעימה, בברכת מזלא טבא לחברינו היקרים, נודע בשערים במדותיהם הישרים, פאר המעלות ונועם המידות, הלוא המה

החתן **שלום אלי' יונגרייז** ני"ו
והחתן **אברהם זיידא פייגעל** ני"ו
ממצויני תלמידי ישיבתינו הקדושה
לרגל שמחת אירוסיהם למז"ט ובשעטו"מ

ברכותינו צרופות שתזכו להעמיד בית נאמן בישראל, ע"ד המסורה לנו מרביה"ק זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, והבית בהבנותו יהי' מלא ברכת ה' על כל גדותיו, מתוך רב נחת והרחבת הדעת אושר ועושר, דורות ישרים ומבורכים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכנו בראשינו בב"א

המברכים בלב מלא שמחה
**תלמידי הישיבה הלומדים אתך בצל הקודש**
גדול העונה יותר מן המברך: **ארי' סאנדעל**

# א תורה אויף די פרשה

## ארמי אובד אבי.

עס ווערט געברענגט אז עס איז דא א 'יצר הרע וואס הייסט 'לבן הארמי', און זיין פליכט איז איינצורעדן דעם מענטש אז דער אייבערשטער איז ח"ו נישט זיין טאטע, און אז א איד איז נישט קיין בן מלך, מיטן ציל אויסצורייסן פון אידישע קינדער דעם געדאנק אז זיי זענען בנים למקום.

דאס קען זיין פשט אין פסוק 'ארמי אובד', ער וויל מאכן פארלירן, 'אבי' אז דער אייבערשטער איז מיין טאטע. און מיט דעם קען מען אויך פארשטיין דאס וואס דער בעל הגדה איז מסביר 'ולבן ביקש לעקור את הכל', ווייל מיט דעם וואס ער רעדט איין קען די אמונה, ווערט אלעם ח"ו פארלוירן.

(נתיבות שלום)

## ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלוקיך.

ווען קען זיין אז 'ושמחת בכל הטוב' דאס איז ווען מען ווייסט אז 'אשר נתן לך ה' אלקיך', אלעס קומט פון אייבערשטן דעמאלטס ניצט ער דאס געלט ריכטיג, און דאן קען ער זיך ריכטיג פרייען מיט די געלט.

(הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זי"ע)

## ושמרת ועשית, בת קול מברכתו הבאת ביכורים היום תשנה לשנה הבאה (רש"י).

מען קען דא מרמז זיין א שיינע רמז, אז די סיבה פארוואס פאר די עשירים האט מען צוריקגעגעבן די גאלדענע קערב אין וועלכן זיי האבן געברענגט די ביכורים, און פאר די ארעמעלייט האט מען נישט צוריקגעגעבן די שטרויענע קערב ווי די משנה זאגט, ווייבאלד מ'האט זיי געוואלט מרמז זיין אז די עשירים זאלן די קומענדיגע יאר צוריק קומען מיט די עשירות, און די ארעמעלייט זאלן נישט צוריקקומען מיט די זעלבע ארעמקייט.

(הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע)

## ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך.

עס קען אסאך מאל אויסקומען אז פאר פרנסה איז מען געצווינגען אוועקצופארן פון איין פלאץ צום צווייטן, וואנטשט אן דער פסוק, 'ובאו עליך כל הברכות', וועסט טאקע האבן השפעות, אבער 'והשיגוך', דו וועסט נישט דארפן ארומפארן צו באקומען די אלע ברכות וואס די תורה איז מבטיח, נאר די אלע ברכות וועלן דיר אנקומען אין שטוב.

(כתב סופר)

## ברוך פרי בטנך ופרי אדמתך.

צום ערשט שטייט א ברכה פאר גוטע קינדער, און דערנאך שטייט א ברכה פאר עשירות, ווייל מיט עשירות איז שווער צו האבן גוטע קינדער, דעריבער שרייבט די תורה ערשט א ברכה אויף גוטע קינדער, און דערנאך אויף עשירות.

(חתם סופר)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצהאגן ביים שבת טיש

## הגר אשר בקרבך יעלה עליך מעלה מעלה.

גר איז א רמז אויפ'ן יצר טוב, וואס איז ווי א גר וואס קומט צו א מענטש ביי די 13 יאר, ווען דער יצר הרע איז שוין אזוי ווי א תושב. דאס איז א ברכה פאר די אידישע קינדער, אז דער גר, דער יצר טוב, וועט איבערשטייגן דעם יצר הרע.

# א מעשה אויף די פרשה

## ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם.

ווען הגאון ר' מאיר שפירא איז געווען באזוכן ביים הייליגן חפץ חיים ז"ל, האט ער אים מפציר געווען צו זאגן א דבר תורה, אבער דער גאסט האט ענדערש געוואלט אז דער זקן הרבנים דער חפץ חיים זאל זאגן א דבר תורה. דער חפץ חיים האט זיך אבער אנטזאגט, און מסביר געווען אז ער האט נישט די כח דערצו, האט דער גאון אנגעוויזן אז רש"י זאגט אויפ'ן פסוק 'אל הכהן אשר יהי' בימים ההם', אין לך כהן שבימיך 'כמו שהוא', דאס מיינט אין וועלכע צושטאנד ער געפינט זיך נאר. דער חפץ חיים האט זיך צושמייכעלט, און מסכים געווען צו זאגן א דבר תורה.

*

## ונתת ללוי לגר ליתום ואכלו בשעריך ושבעו.

די עלטערן פון הרה"ק ר' משה מקאברין זצ"ל האבן געוואוינט אין א שטעטל וואו דאס ארעמקייט איז געווען אויף גאר א שטארקע פארנעם, דעריבער האבן זיי זיך אונטערגענומען צו שפייזן די ארעמלייט, און מיט די אייגענע הענט און קאסטן האבן זיי געבאקן ברויט. אבער אזוי ווי די געברויך איז געווען גרויס, האבן זיי נישט נאכגעיאגט די ארבעט, און די ארעמלייט פלעגן זיך זייער בייזערן, און פלעגן אויך קענען שעלטן, וואס דאס האט צוגעברענגט אז זיי זאלן אנהויבן קלערן פון אויפהערן אהערשטעלן די ברויטלעך.

ווען זיי האבן זיך אפגערעדט פאר זייער הייליגע זוהן, האט ער זיי בארואיגט, אז נאר אזוי איז די מצוה חשוב, ווען זיי זאלן ווען נאר באקומען גוטע און הארציגע ברכות פארן אהערשטעלן די ברויטלעך, וואלט דאס נישט געווען אזוי אנגענומען ווי ווען מ'זעהט ווי שווער עס קומט אן.

*

## לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי.

ווען דער הייליגער רבי מיכל'ע מ'זלאטשוב זצ"ל איז קראנק געווארן, און עס האט שוין אויסגעזעהן ווי זיין צייט איז אנגעקומען, האט זיך זיין תלמיד הרה"ק רבי ארון לייב מפרעמישלאן זי"ע צוגעבויגן אין געזאגט, רבי, מדארף זאגן וידוי. גלייך האט דער צדיק אנגעהויבן זאגן 'איך בין זיך מודה ומתוודה, איך האב קיינמאל נישט געטאן וואס מ'טאר נישט, קיינמאל נישט געטראכט וואס מ'מעג נישט, און קיינמאל נישט גערעדט דברים האסורים', 'גענוג' האט ר' ארון לייב אויסגעשריגן.

יארן שפעטער ווען ר' מאטל סלאנימער ז"ל האט דערציילט די מעשה, האט ער צוגעלייגט, אז מ'זעהט טאקע אין די תורה אז אפילו ווען מען האט נישט קיין עבירות ווערט אנגערופן ווידוי. ווי מ'זעהט אז אין די פרשה פון ביכורים האט מען אויסגערעכנט, 'לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי', און דאך ווערט עס אנגערופן ווידוי.

*

## ארור מכה רעהו בסתר, על לשון הרע הוא אומר (רש"י).

עס ווערט דערציילט אז דער גרויסער צדיק וקדוש דער יוד הקדוש פון פשיסחא זצ"ל האט אמאל געשיקט זיין באליבטן תלמיד ר"ר בונם פון פשיסחא זצ"ל ער זאל ארויספארן אויפ'ן וועג. ר"ר בונם האט שוין געוואוסט אז מ'פרעגט נישט איבער דעם רבי'ן, מ'פארט ארויס און מ'וועט שוין אנקומען ווי מ'דארף.

דער צדיק איז געגאנגען מיט א גרופע פון זיינע תלמידים, און אזוי ווי מען איז געפארן לאנגע שעה'ן, צוביסלעך איז מען געווארן אביסל אומרואיג, וואו פארט מען דא און א ענדגילטיגער ציל? אבער ר' בונם איז געווען רואיג, וויסענדיג אז זיין גרויסער רבי הייסט נישט אומזינסט פארן.

פלוצלונג האבן זיי באגעגנט א קליין הייזעק, דער בעל עגלה האט פארקירעוועט דעם וואגן צום ריכטונג פונעם הויז. גלייך זענען אלע תלמידים מיט זייער רבי'ן אריין. די תלמידים האבן געפרעגט דעם בעל אכסניא צי ער קען זיי דערלאנגען א מ'לכיגע סעודה? ניין, זאגט דער בעל אכסניא, איך פארמאג בלויז פליישיג'ס.

די תלמידים האבן אים אנגעהויבן אויסצופרעגן ווער ס'איז דער שוחט? ווער האט באקוקט די בהמה נאכ'ן שחט'ן, און אזוי ווייטער, ווען פלוצלינג הערן זיי א קול וואס רופט אויס צו זיי 'חסידים, חסידים', זיי קוקן זיך ארום, פון וואו דאס קול קומט? ווען זיי באמערקן ווי אונטערן אויבן ליגט אן אלטער איד,

צוריסן געקליידעט, און זאגט זיי מוסר, 'טייערע אידן, אויף דעם וואס איר נעמט אריין אין מויל געט איר אזוי שטארק אכטונג, און דאס וואס איר זאגט ארויס פון מויל גיט איר גארנישט אכטונג'.

ווען דער ר"ר בונם האט דערהערט די מוסר רייד, איז ער זייער נתפעל געווארן דערפון, זאגענדיג, 'יעצט איז מיר שוין קלאר דער סיבה פארוואס דער רבי האט אונז אהערגעשיקט'...

*

## הקללות האלה.

דער הייליגער תפארת שלמה האט געהאט אן אינטערעסאנטע וועג וויאזוי ער פלעגט אנוואונטשן ברכות פאר זיינע חסידים, דהיינו ער פלעגט זאגן פארשידענע קללות וועלכע האבן צום ערשט געצויגן בליקן פון די חסידים וואס דער רבי מיינט דערמיט, אבער צום סוף האבן די חסידים שוין געוואוסט אז דער וואס באקומט א קללה פונעם תפארת שלמה, דער איז א געהאלפענער.

איינמאל איז געקומען א חסיד אפגעבן א דאנק פאר'ן תפארת שלמה פאר די ישועה וואס דער רבי האט געפראוועט פאר אים טאקע דורך אזא סארט 'קללה'. זעהנדיג ווי דער רבי איז גוט אויפגעלייגט, האט ער געוואגט די שטארקייט, און געפרעגט אויף די פשט פארוואס דער רבי טיילט 'ברכות' דורך 'קללות'. האט אים דער תפארת שלמה געזאגט, אויך מיין רבי, הרה"ק ר"ר מאיר'ל מאפטא זצ"ל דער אור לשמים, האט געהאט דעם וועג, און האט אמאל מסביר געווען אז א רבי קען העלפן זיין חסיד מיט צוויי וועגן. איינס, אז ער נעמט א פדיון פון אים, אדער אז ער שעלט אים, און פון דעם ווערט א ברכה. און מיט דעם האט ער געטייטשט דאס וואס משה רבינו האט געזאגט פארן אייבערשטן 'לא חמור אחד מהם נשאתי', כ'האב פון זיי גארנישט קיינמאל גענומען, 'ולא הרעותי את אחד מהם', כ'האב קיינעם קיינמאל נישט געשאלטן, דעריבער קען איך גארנישט טון פאר זיי. און דער תפארת שלמה האט אויסגעפירט, דעריבער פיר איך מיר אויך אויפ'ן זעלבן דרך פון מיין רבי.

(ס'איז אינטערעסאנט צוצולייגן אז אין ספה"ק תפארת שלמה אין די וואכעדיגע פרשה, שטייט, אז דעריבער לייענט מען פרשת כי תבוא בעפאר די סליחות טעג, כדי אויב ס'קומט זיך פאר איינעם ח"ו א קללה, קומט מען אפ מיט דעם וואס מ'לייענט די פרשה, לויט די בחינה פון 'ונשלמה פרים שפתינו'.)



המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **שלמה זלמן עהרענרייך** שליט"א (בארא פארק)
לרגל שמחת לרגל נישואי בנו החתן פנחס זעליג נ"י למזל טוב למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# שידוכים (ה)

## פארשידענע שאלות

אין דעם מאמר האבן מיר ממשיך געווען צו שרייבן פארשידענע שאלות וואס עס קען זיך מאכן ביי פרעגן אינפארמאציע ביי שידוכים, און פארשידענע הלכות פון באצאלן שדכנות געלט פארן שדכן.

## כא
## שאלה: ווען מען פרעגט אינפארמאציע אויף א עלטערע בחור ווי אלט ער איז, דארף מען זאגן דעם אמת, אדער מעג מען משנה זיין?

**תשובה:** אויב מען פרעגט נישט ווי אלט דער בחור איז, איז מען נישט מחויב צו זאגן אז ער איז א עלטערער בחור, וויבאלד דאס ווערט נישט באטראכט פאר א חסרון, און דאס קען גורם זיין אז עס זאל נישט ווערן פון די שידוך.

און אויב מען פרעגט ווי אלט דער בחור איז, אויב דער בחור איז נאר אביסל עלטער פון די מדוברת, מעג מען משנה זיין און זאגן אז ער איז אביסל יונגער, וויבאלד עס מאכט נישט אויס אין פארלויף פון לעבן אז מען איז אביסל עלטער.

אבער אויב דער בחור איז אסאך עלטער פון די מדוברת, און אויב זי ווערט שפעטער געוואר ווערן זיין עלטער קען עס ברענגען צו שלום בית פראבלעמען, דעמאלטס זאל מען נישט זאגן אז ער איז אסאך יונגער, נאר מען קען זאגן אז ער איז יונגער מיט א פאר יאר.

**באמערקונג**

ווען מען פרעגט ווי אלט דער בחור איז, זאל מען נישט זאגן מיט אזא לשון "ער איז היפש אלט", אדער "ער איז "שוין" אזוי פיל יארן", ווייל דאס מאכט א רושם אז מ'האלט אז ער איז שוין זייער אלט, און דאס קען צושטערן די שידוך.

## כב
## שאלה: ווען מען פרעגט אינפארמאציע אויף צוויי בחורים, וועלכע פון די צוויי איז מער חשוב'ער, מעג מען זאגן דעם אמת?

**תשובה:** אויב ביידע בחורים האבן נישט קיין גרויסע חסרונות, זאל מען נישט זאגן אז דער און דער בחור איז מער מצוין, ווייל עס קומט אויס אז ער האט אפגערעדט פון צו נעמען דעם צווייטן בחור, נאר מען דארף זאגן איך קען דיר אויסרעכענען די מעלות פון יעדע בחור עקסטער, און דו זאלסט אליין מחליט זיין וועלכע בחור דו ווילסט נעמען.

* עס ווערט דערציילט אז איינער האט געפרעגט פונעם גאון רבי ברוך בער זצ"ל דער ראש ישיבה פון ישיבת קאמעניץ, אז מען טראגט אן פאר זיין טאכטער, צוויי בחורים פון זיין ישיבה, וויל ער וויסן וועלכע בחור איז חשוב'ער, האט אים רבי ברוך בער געענטפערט, יעדער בחור פאר זיך איז דער חשוב'סטער בחור, האט דער איד ווייטער געפרעגט, אבער איך וויל וויסן וועלכע בחור פון די צוויי איך זאל נעמען, האט אים רבי ברוך בער געענטפערט, פונקט ווי יעדע בלאט גמרא, אדער יעדע מסכת פון ש"ס, איז די זעלבע חשוב, און עס איז נישט שייך צו זאגן אז די בלאט אדער די מסכת איז חשוב'ער פון די צווייטע, דאס זעלבע איז מיט די צוויי בחורים זיי זענען ביידע מצויינים, און ס'איז נישט שייך צו זאגן אז דער איז מער חשוב'ער פונעם צווייטן, יעדער האט זיינע מעלות.

## כג
## שאלה: מעג מען אנטראגן א שידוך שבת און יום טוב?

**תשובה:** עס ווערט געפסקנ'ט אז מען מעג אפרעדן אום שבת מיט א שדכן, אז ער זאל אנטראגן א שידוך, אבער מען טאר נישט אפרעדן א פרייז פאר די שדכנות (שו"ע סימן ש"ו ס"ו).

אזוי אויך מעג א שדכן עוסק זיין אין שבת מיט שידוכים, אזוי ווי מען זאגט ביי די זמירות "ולשדך הבנות", און ער וועט מעגן נעמען דערפאר שדכנות געלט (מסכת כתובות דף ה' ע"א).

אבער מען טאר נישט מאכן א קנין אויף די שידוך שבת (פתח הדביר סימן ש"ו ס"ק י"ב).

## שכר שדכנות

## פארווארט

אין ספר שלחן העזר (הערות שבסוף הספר דף קל"ג) שטייט, איך האב געהערט אז עס איז געווען א גרויסער מענטש וואס האט נישט געהאט קיין קינדער רח"ל א לאנגע צייט, און ער האט זיך מזכיר געווען ביים שינאווא רב זצ"ל, האט ער אים געזאגט דאס קומט אייך דערפאר ווייל ווען איר האט חתונה געהאט האט איר נישט באצאלט רח"ש (אמאליגע צייטן ווען איינער האט חתונה געהאט האט געדארפט באצאלן א געוויסע סכום געלט פארן ר'ב, ח'זן, ש'דכן, ראשי תיבות רח"ש), דער איד האט גלייך באצאלט די געלט פארן רב, און פארן חזן און פאר זיין שדכן, און ער איז געהאלפן געווארן מיט זרע של קיימא, און דער שינאווא רב האט צוגעלייגט אז רח"ש איז די ראשי תיבות פון ר'חל ח'נה, ש'רה וואס די אלע דריי זענען געווען עקרות און זיי זענען געהאלפן געווארן מיט קינדער, א רמז אז ווען באצאלט רח"ש איז עס א סגולה געהאלפן צו ווערן מיט קינדער.

עס איז אויך באקאנט אז איינער איז געקומען צום חזון איש זצ"ל און געבעטן א ברכה ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער, האט אים דער חזון איש געפרעגט האסטו באצאלט פאר דיין שדכן שדכנות געלט, האט ער געענטפערט מיין שדכן איז געווען מיין נאנטער קרוב האט ער זיכער אנגעטראגן דעם שידוך אומזיסט, האט אים דער חזון איש געזאגט על פי הלכה איז

ארייינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
718.451.8674
עקסטענשן
840


בעזהשי"ת

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון ♦♦♦ ע ♦♦♦ וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בננו היקר

הבחור החתן המופלג בתורה ויר"ש

**פנחס זעליג** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

**חי' סאשא** תחי'

בת מחותני הרה"ג שלשלת היוחסין כש"ת
מוהר"ר **יואל הלוי דייטש** שליט"א
בן הגה"צ מוהר"ר **חיים יחזקאל שרגא הלוי** שליט"א אבד"ק מקור חיים
וחתן הגה"צ מוהר"ר **מאיר שנעעבאלג** שליט"א אבד"ק האניפאלי

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום שני פרשת נצבים-וילך, י"ח אלול תשפ"ו לפ"ק
(AUGUST 31 ולמספרם)

קבלת פנים בשעה 6:30 החופה בשעה 7:30
והנכם מזומנים להסעודה אחר החופה

באולם עטרת חיה שרה
106 SOUTH MADISON AVENUE, SPRING VALLEY, NEW YORK

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידכם המצפה לקבל פניכם בשמחה

**שלמה זלמן עהרענרייך וב"ב**
ראה"כ נתיבות התלמוד
בן אאמו"ר הגה"צ אבד"ק שאמלויא שליט"א
וחתן מו"ח הגה"צ דומ"ץ דק"ק טאהש ב.פ. שליט"א

---

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודי' להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידנו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתויר"ש

**ברוך אברהם** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

**פעריל** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעטו"מ
ביום ד' לסדר לסדר את החיים ואת הטוב - נצבים וילך
כ' לחודש אלול תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט - ולמספ' SEP 2

**באולם בית צירל**
252 BETH HALEVY BOISBRIAND QUEBEC J7E 4H4

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

ואי"ה בשמחת צאצאיכם ישמח לבנו גם אנו
ידידיכם המתכבדים בהופעתכם ומחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| **יואל וועכטער וב"ב** | **צבי חיים באנדא וב"ב** |
| מאנטריאל יצ"ו | קרית טאהש יצ"ו |

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

---

מען מחויב צו געבן שדכנות געלט אפילו פאר א קרוב, דעריבער גיי און באצאל אים, דער איד האט טאקע אזוי געטאן, און צום אנדערן יאר האט ער געהאט א קינד למזל טוב (ועיין בשו"ת תשובות והנהגות ח"א סימן תשל"ו)

**באמערקונג**

עס איז וויכטיג מעורר צו זיין, אז עס זענען דא שדכנים וואס נאכן אויספירן א שידוך בעטן זיי גאר א גרויסע פרייז פון די מחותנים פאר שדכנות, מער פון וויפיל עס איז דער סדר צו באצאלן, און אז מען וויל זיי נישט געבן זייער פארלאנג, סטראשענען זיי מיט דעם אז אויב מען באצאלט נישט שדכנות געלט קען עס חלילה שאטן פאר די פאר פאלק, און אסאך מחותנים ווערן דערשראקן און זיי באצאלן וויפיל דער שדכן פארלאנגט, מען דארף צו וויסן אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן, ווייל ווער עס באצאלט וויפיל עס קומט זיך על פי הלכה, וועט פאר די פאר פאלק גאר נישט שאטן, און א שדכן וואס טוט אזוי איז דער באגזל'ט די מחותנים (שו"ת הליכות ישראל בהקדמה).

## כשרע געלט

עס איז מקובל אז שדכנות געלט איז די כשר'סטע געלט, עס זענען געווען גדולים וואס האבן מקפיד געווען צו קויפן מיט די שדכנות געלט די ארבע מינים אויף סוכות, אזוי אויך די מצות צום סדר, וויבאלד די זאכן דארפן זיין "לכם" פון די אייגענע געלד, דעריבער האבן זיי מהדר געווען צו נוצן אזא געלט וואס איז זיכער "לכם", משא"כ אנדערע געלט וואס מען האט פארדינט ווער ווייסט צי דאס איז אינגאנצן "לכם", און צי עס איז אזוי כשר ווי די שדכנות געלט, (שו"ת תשובות והנהגות ח"א סי' תשל"ו), און אזוי האט זיך געפירט דער מהר"ל מפראג זצ"ל.

עס ווערט געברענגט אז דער מהרי"ל האט געהאט א ישיבה מיט בחורים און די פרנסי המדינה האבן אים געגעבן אסאך געלט דערפאר, אבער ער האט נישט געוואלט נהנה זיין פון די געלט, האט ער מיט די געלט אויסגעהאלטן די בחורים פון זיין ישיבה, און אזוי ווי ער האט אויסגעפירט אסאך שידוכים, האט ער געלעבט פון די שדכנות געלט וואס ער האט באקומען, און ער האט געהאלטן אז דאס איז כשר'סטע געלט (מנהגי מהרי"ל, לחנוכה).

## גזילה ביי שדכנות געלט

דער חזון איש זצ"ל האט אמאל געזאגט,

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך.

עס ווערט דערציילט אז דער הייליגער קדושת לוי זי"ע האט אמאל ארויסגעקוקט פון זיין הויז צו די גאס בשעת ער איז געווען מעוטף בטלית ותפלין, און עס האט דאן אנגעכאפט א פחד פאר יעדן איינעם וואס איז געווען דארט אין גאס, בשעת קיינער האט נישט פארשטאנען וואס די פחד איז, האט דער בארדיטשובער זיך אנגערופן אז עס איז אים נישט קיין שום חידוש, ווייל עס שטייט דאך אין פסוק 'וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך', און חז"ל דרש'נן 'אלו תפלין שבראש', און ווען דעם האט יעדן אנגעכאפט א ציטער.

*

אין די טעג בשעת מען האט געזוכט דער הייליגער בעל התניא זי"ע, איז איין טאג אנגעקומען אין די שטאט וואו די בעל התניא האט זיך דאן אויפגעהאלטן, א גענעראל מיט נאך סאלדאטן, און מען האט פארשטאנען אז זיי זענען געקומען זוכן דער בעל התניא. איז מען שנעל געלאפן צום בעל התניא מודיע זיין אז עס זענען געקומען סאלדאטן אים צו פארכאפן, דער בעל התניא איז דאן געווען מעוטף בטלית ותפילין, איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער, און ווען די גענעראל איז דארט דורכגעפארן האט ער געקוקט אויפ'ן גענעראל, און דער גענעראל איז אראפגעפאלן פון זיין פערד און זיך צובראכן זיין פיס.

האט דער בעל התניא געזאגט פאר זיינע חסידים, אז דאס שטייט דאך אין חז"ל 'וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך - אלו תפלין בראש', און וועגן דעם איז ער אראפגעפאלן, ווייל ווען ער האט געזעהן דעם תפילין האט אים אנגעכאפט א שטארקער פחד.

האבן די חסידים געפרעגט פונעם בעל התניא פארוואס האבן נישט די גוים מורא פון אונזערע תפילין, און נאר פונעם רבי'נס תפילין האבן זיי מורא, האט דער בעל התניא געענטפערט אז עס שטייט אין חז"ל 'אלו תפילין שבראש' און נישט 'תפילין של הראש', און מיין תפילין איז אין מיין קאפ, נישט נאר אויפ'ן קאפ.

*

אין די שטאט אוסטראווה איז געווען א פלאץ ווי עס איז אייביג געווען דארט בלאטע און מען האט נישט געקענט דורכגיין דארט, און מען האט געבויעט א שמאלע האלץ כדי מען זאל קענען דורכגיין אויף דעם האלץ, אבער די האלץ האט נאר געהאט פלאץ פאר איין מענטש דורכצוגיין, און ווען צוויי מענטשן האבן געוואלט דורכגיין האט איינער געדארפט אויסווארטן ביז יענער גייט דורך.

ווען דער הייליגער רבי ייבי פלעגט דורכגיין פלעגט יעדער האבן דרך ארץ אים אדורכצולאזן קודם, און אפילו להבדיל די גוים האבן געהאט דרך ארץ פאר אים, און ער פלעגט דארט א יעדן טאג דורכגיין פאר'ן דאווענען מעוטף בטלית ותפלין, און יעדער האט זיך געריקט פאר אים.

אין די זעלבע צייט איז געווען נאך א רב אין די שטאט וואס האט זייער מקנא געווען רב ייבי, פארוואס פאר רב ייבי האט יעדער א יראת הכבוד און פאר אים נישט, ממילא האט ער פרובירט נאכצוטון די עבודה פון רב ייבי אז אפשר אזוי וועט מען אויך פאר אים מורא האבן. ער איז אויפגעשטאנען גאר פרי פארטאגס און געגאנגען אין מקוה מיט אלע כוונות אריז"ל, און ער האט ספעציעל אינזין געהאט כוונות אויפ'ן פסוק וראו כל עמי הארץ, א.א.וו. און נאך די גאנצע עבודה איז ער געגאנגען אין גאס מיט ספעציעלע כוונות.

ווען ער איז אנגעקומען צו דעם בריק, איז ער ארויפגעגאנגען און קוקן צו איינער קומט, ווייל ער איז געווען פארזיכערט אז יעדער גייט זיך רוקן פאר אים, למעשה איז פון די אנדערע זייט ארויפגעקומען א גוי, און ווען זיי האבן זיך צוזאמען-געטראפן האט די גוי אים אראפגעווארפן, אזוי ווי אלע גוים פלעגן טון מיט די אידן.

גלייך נאכדעם איז רב ייבי אנגעקומען דארט, און ווי אייביג האט זיך יעדער גערוקט פאר אים, איז די רב צוגעגאנגען צו רב ייבי און געפרעגט פשט פארוואס מען רוקט זיך פאר אים, צו ער האט עפעס כוונות בשעת'ן דורכגיין, האט אים רב ייבי געענטפערט אז ער האט נישט קיין שום כוונות, נאר די חילוק פון אונז ביידע איז, אז מיין גאנצע הארעוואניע איז איך זאל זיין איהר (א פשוטע איד) און אייער הארעוואניע איז אז איהר זאלט זיין איך (אדם גדול כרב ייבי).

אז דער ענין פון גזילה טרעפט זיך דאס מערסטע ביי שידוכים, ווייל א שדכן האט א דין פון א פועל ממש, וואס לייגט אריין א גרויסע עבודה פאר יעדע צדדים, און מען צאלט אים נישט וויפיל ער האט געארבעט.

אסאך עגמת נפש און צער האבן די צדדים ווען זיי זוכן א שידוך, און זיי האפן אז עס וועט קומען א גוטער שדכן און אנטראגן א גוטע זאך, דער שדכן איז א גוטער שליח, ער לייגט זיך אריין ראשו ורובו, ער גיט אוועק פון זיין צייט, און ער שטרענגט זיך איבער, ער קען ליידן בזיונות, און אפטמאל איז זיין ארבעט געווען אומזיסט, און די צדדים לייגן אסאך האפנונג אויף אים אז ער וועט לעכטיג מאכן זייער מצב.

און ווען דער אייבערשטער העלפט אז ער האט אויסגעפירט א שידוך, ווערט דער געטרייער שדכן אינגאנצן פארגעסן, און ער דארף נאך לויפן נאך די שדכנות געלט כעני בפתח, מען מאכט אים שפירן אז דאס איז אזוי ווי א נדבה, מען דינגט זיך מיט די פרייז, מען פארשלעפט די צייט פון באצאלן, אבער דאס איז נישט ריכטיג, מען דארף זיך דערמאנען אין זיין געטריישאפט, און שעצן זיין ארבעט, און באצאלן וויפיל עס קומט אים על פי תורה.

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו

נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

**די עצה:** מען זאל אריינשניידן אין די באקס פון אויבן אדער פון די זייט (מען זאל זיין געווארנט נישט אריינשניידן אין אותיות אדער אין בילדער), און מען זאל ארויסנעמען די קרעקערס אדער סנעקערס פון די באקס, און מען זאל אוועקווארפן די באקס.

נאכן עפענען די באקס, איז דא א פלעסטיק וואס אין דעם ליגט די קרעקערס אדער סנעקערס, די פלעסטיק זאל מען אויך נישט עפענען אויף דעם פלאץ וואו עס איז פארקלעבט, נאר מען זאל עס אויפרייסן פון די זייט אדער אונטער די פלאץ וואס איז פארקלעבט, און מען זאל ארויסנעמען אלע קרעקערס אדער סנעקערס פון די בעג, און אוועקווארפן די בעג (די איבעריגע וואס מען גייט נישט יעצט עסן, קען מען אריינלייגן אין אן אנדערע בעג).

## סעיף כז

**עפענען א שאכטל פון אויטס-מאנדל מילך, רייז מילך א.ד.ג.** [OATS AND ALMOND BLISS \ RICE BLISS ETC.] **וואס האט א פלעסטיק שטאפער און ווען מען עפנט עס רייסט זיך אפ די שטאפער פון די שאכטל.**



[בילד 1]

מען טאר עס נישט עפענען אויף די געהעריגע וועג (וועגן די איסור פון מאכן א נייע פתח, און אויך וועגן די איסור פון תיקון מנא, אז ער פארריכט דעם דעקל אז מען זאל עס קענען נוצן).

**עצה א:** מען זאל אריינשניידן א לאך אין דעם שאכטל און מען זאל פון דארט ארויסגיסן די גאנצע מילך (אריין אין א ליידיגע קאנטעינער), און אוועקווארפן דעם ליידיגן שאכטל.

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה וואס מען דארף נישט אויסגיסן די גאנצע מילך) מען זאל מאכן א לאך אין די שאכטל, און מען זאל פון דארט גלייך ארויסגיסן וויפיל מילך מען דארף פאר שבת (און מען זאל מער נישט נוצן דעם לאך), און נאך שבת זאל מען עפענען די געהעריגע דעקל.

## סעיף כח

**עפענען בעגס פון געבעקס** (קוקיס) **וואס איז פארקלעבט פון אויבן**



[בילד 2]

מען טאר נישט עפענען אויבן וואו עס איז פארקלעבט.[1]

**עצה א:** מען זאל מאכן א לאך אין די בעג, און ארויסנעמען די גאנצע אינהאלט, און אריינלייגן אין אן אנדערע בעג.[2]

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה, מען זאל נישט דארפן אלעס ארויסנעמען) מען זאל מאכן א לאך אין די בעג, נישט אויף די פלאץ וואו מען עפנט דאס געווענליך, און פון דארט זאל מען ארויסנעמען אויפאיינמאל אלעס וואס מען דארף אויף שבת (און מער נישט נוצן דעם לאך), און מוצאי שבת זאל מען עס עפענען אויף די געהעריגע פלאץ.

## סעיף כט

**עפענען די פאפיר** (וואס קומט אונטער די דעקל) **פון א פלעשל קאווע.**

זעה אויבן אין פרק ז' סעיף ט'.

1 וועגן די איסור פון קורע (רייסן), זעה פרק ד' סעיף א'.

2 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג).

המשך בשבוע הבא אי"ה










בסייעתא דשמיא

# מצמיח ישועות

ישועות דורך די תהלים
זאגען פון די תלמוד
תורה קינדערלעך
יעדע ערב ראש חודש
אצל ציון הקדוש של
רביהקוה"ט זצוק"ל

6#

## א בראוקער פארן מארגעדזש בראוקער

א איד רופט אריין דערציילן: מיין בני בית האט זיך ב"ה אריינגעלייגט אין די ליין פון מאכן מארגעדזשעס, און מיר האבן ארויסגעקוקט פאר טעלפאון רופן פון קאסטומערס.

נאך א שטיק צייט האט מען זיך דערזען מיט בלויז איין קאסטומער וואס האט געהאט א גאר גרויסע פראיעקט, אבער צוליב זייטיגע סיבות איז די פייל געבליבן שטעקן, און ער האט נישט געוואלט גיין ווייטער מיטן מארגעדזש.

אין יענע צייט האב איך געהערט פונעם באגריף פון 'פועל ישועות', ווי די קינדערלעך גייען יעדע ערב ראש חודש ארויף מתפלל זייןביים ציון המצוינת, האב איך אריינגערופן און געבעטן מען זאל נעמען מיין אינפארמאציע און בקשה, און געשאנקען די ריכטיגע פדיון פארן צדיק.

גאר קורץ דערויף איז דער ערשטע קאסטומער צוריק געקומען אז עס זעט אויס אז ער האט די מעגליכקייט צו גיין ווייטער, און זינט דעמאלטס הערן נישט אויף צו קומען מער און מער קאסטומערס ב"ה.

אידן פארציילן אפענע ישועות. מיטן נעמען א שותפות אין פועל ישועות קענט איר אייך פארציילן אייערס!

**שליסט אייך אן!**

האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות און שטיצט דעם רבינ'ס הייליגע ירושה

**845.402.TOSH**
8674

TOSH16BH@GMAIL.COM

| | | |
|---|---|---|
| **$36** לחודש | **$54** לחודש | **$100** לחודש |
| וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון | וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל און צינדן א לעכט יעדן ערב ראש חודש ביים ציון | וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון, און אויך וועט איר האבן א נר תמיד ביים ציון הק' דורכאויס דעם גאנצן יאר |

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **אברהם ישכר בער דייטש** שליט"א (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## הרה"ק רבי יהונתן אייבישיץ זי"ע

**דעם דאנערשטאג נצבים-וילך - כ"א אלול הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן גאון רבי יהונתן אייבשיץ, רבי יהונתן בן רבי נתן נטע זצוק"ל.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי יהונתן אייבשיץ איז געבוירן געווארן אין יאר תנ"ד לפ"ק אינעם שטאט פינטשוב.

רבי יהונתן פלעגט דורכאויס זיין גאנץ לעבן נישט ארויסגיין מתוך ד' אמות של הלכה, און איז שטענדיג געזיצן און געלערנט אויסשטייגענדיג דער גרויסער גאון.

ער פלעגט לערנען און מקבל זיין תורה פון הגאון רבי מאיר אייזענשטאט בעל פנים מאירות זצ"ל, הגאון רבי אליעזר הלוי איטנגא אב"ד הלישוית זצ"ל, הגאון רבי אברהם ברוידא זצ"ל.

אין יאר תע"ד איז ער אין יענע תקופה אויפגענומען געווארן אלס בעל דרשן אינעם ארטיגן קהלה פון שטאט פראג, און אזוי אויך איז ער געשטעלט געווארן צו זיין דער ריש מתיבתא, ווי ער האט געגעבן טיפזיניגע שיעורים ופלפולים פאר די תלמידים, און פון דאן האט ער מרביץ תורה געווען ביז סוף ימיו.

רבי יהונתן האט אויך געדינט ברבנות אינעם שטאט פראג, קהלות מיץ, אלטונא.

ער איז נסתלק געווארן כ"א אלול תקכ"ד, און איז געקומען לקבורה אינעם בית החיים אין אלטונא.

נאך זיין פטירה האט מען אנגעהויבן צו דריקן פיל פון זיינע חיבורים, וואס פארשיינען די וועלט מאור תורתו הקדושה.

### די צוויי עדות'שאפטן פונעם משרתת

אינעם שטוב פונעם רבי יהונתן אייבשיץ איז שטענדיג געווען א משרתת וואס האט ארויסגעהאלפן מיטן טאג-טעגליכן ווירטשאפט.

נאכן פטירה ווען מען האט איר געבעטן אז זי זאל עפעס זאגן איבער'ן הייליגן רבי יהונתן, האט זי געענטפערט, אויף צוויי זאכן קען איך עדות זאגן, איינס, אז דורך די אלע יארן וואס איך האב געארבעט ביי אים אינדערהיים האט ער קיינמאל נישט געגעבן קיין בליק אויף מיר. צוויי, יעדע נאכט ביי חצות האט רבי יהונתן אזוי שטארק געקלאגט אויף גלות השכינה, אז דער וועלכער האט געהערט זיינע שטורעמישע וויינערייען, האט געקענט מיינען אז דאס איז די לעצטער נאכט וואס רבי יהונתן לעבט.

### דאס קלוגשאפט פון רבי יהונתן

דאס קלוגשאפט וואס רבי יהונתן האט פארמאגט איז באקאנט פאר יעדן. ער פלעגט פארענטפערן פאר פריצים און שרים זייערע מאדנע און שווערע שאלות וואס זיי האבן אויסגעטראפן אויף די אידן, כדי צו כאפן אז דערויף האט נישט רבי יהונתן קיין תירוץ, אבער רבי יהונתן האט אייביג מיט זיין גרויס קלוגשאפט זיי איבערגעקלוגט, און געענטפערט אן אום-ערווארטערטע ענטפער, וואס האט תיכף שטיל געמאכט דעם מויל פונעם פרעגער.

### וואס וואונדערט איר זיך, ביי ענק איז די זעלבע...

אמאל האט זיך געמאכט אז א געוויסע שר האט אנגעפרעגט פון רבי יהונתן, 'איך וואנדער זיך אויף אייערע אידישע אום-שכל'דיגע הלכות, א הינדל וואס האט געגעסן א פולן טאפ פוטער, איז דער עוף כשר, אבער אויב ביים קאכן איז אין טאפ אריינגעפאלן א ברעקל פיטער, איז דער גאנצער טאפ שוין נישט כשר צום עסן, וויאזוי איז דאס שכל'דיג אזוי צו אננעמען דעם הלכה'.

רבי יהונתן האט זיך נישט דערשראקן פונעם פלוצום'דיגע קשיא, און האט תיכף געענפערט פארן שר 'וואס וואונדערט איר זיך, ביי ענק פירט מען זיך די זעלבע, א טריפה'נע חזיר וואס עסט אויפ'ן פעלד אלע מיסט, סערווירט מען אים דערנאך אויפ'ן קעניגליכער מאלצייט, אבער אויב עס פאלט ארוין ביים קאכן אינעם טאפ סיי וועלעכער שמוץ, ווערט דאס תיכף אוועקגעפירט אין מיסט ארוין'...

### די פארשטייפטע האנט פונעם גלח

איינע פון די פילע וויכוחים וואס רבי יהונתן האט פארמאגט מיט גלחים, איז דער גלח געבליבן פארשעמט און שטיל, נישט האבנדיג וואס צו ענטפערן, און דער גלח שפירנדיג ווי ער מוז זיך ארויסזעהן פון דעם פלאנטער, צו ווייזן פאר אלעמען זיין גרויסקייט און מעכטיגקייט, האט ער גענומען זיין ביקס, און עס געצילט אין ריכטונג פון רבי יהונתן, באלד אין יענעם רגע האט רבי יהונתן ארויסגעזאגט א ווארט פון זיין מויל, און די האנט פונעם גלח איז געווארן פאראליזירט, נישט קענענדיג רירן זיין האנט.

דאס האט אזוי אנגעהאלטן ביז מ'האט געבעטן דעם רבי יהונתן אז ער זאל מוחל זיין דעם גלח, און דעמאלטס איז די האנט צוריק געווארן ווי געווענטליך.

### נישט פארשעמט א איד

דער הייליגער רבי יהונתן איז וועלט באקאנט מיט זיין גאונות אין תורה און זיינע הפלא'דיגע חידושים וואס ער האט מחדש געווען, און באלייכט דער תורה'דיגע וועלט מיט זיינע חיבורים, אבער רבי יהונתן פלעגט אויך האבן א זעלטענעם אהבת ישראל צו זיינע טייערע אידישע ברידער, און אפילו פשוטי עם וועלכע האבן נישט פארשטאנען צופיל צו זיינע חיבורים, אבער דאך האבן זיי געפילט א נאנטשאפט צו רבי יהונתן, ווי רבי יהונתן פלעגט זיי אויפנעמען בסבר פנים יפות. אינעם פאלגנדן מעשה שפיגלט אפ דער רבי יהונתן'ס אהבת ישראל.

רבי יהונתן אייבשיץ האט אמאל געמאכט א סיום הש"ס, צום סיום האט ער איינגעלאדענט אלע שטאטסלייט, און ווי פארשטייט זיך איז צווישן זיי געווען אידן וואס זענען געווען פשוט'ע בעלי בתים וואס צו גוט האבן זיי נישט געקענט לערנען. אינמיטן די סיום האט רבי יהונתן געבעטן פון אלע באטייליגטע זאלן זאגן עפעס דברי תורה אזוי ווי די שטייגער ביי גאונים זיך צו מפלפל זיין אין לערנען ווען אימער, איינע פון די אנוועזנדע פשוטי עם האט געוואלט ווייזן זיין גרויס בקיאות התורה, האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט מיט א הויך קול: 'שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד', פארשטייט זיך אז די ארומיגע האבן גאר שטאק געלאכט, אבער רבי יהונתן זעלבסט האט זיך גאר שטארק געפריידט זאגנדיג מיט זיין גרויס אהבת ישראל נישט צו פארשעמען א איד: 'ענקערע אלע דברי תורה קען איך אפוועגדן, דער פסוק וואס דער איד האט געזאגט דאס איז אמת ויציב, און דאס קען קיינער נישט אפוועגדן', דאן האט רבי יהונתן אויסגעפירט, 'ובתורתך כתוב לאמר שמע ישראל

ה' אלוקינו ה' אחד'.

## שלא עשני גוי

מען האט אמאל באמערקט ווי רבי יהונתן זאגט נישט דער ברכה פון 'שלא עשני גוי', האט מען אים אנגעפרעגט פארוואס ער זאגט עס נישט, האט רבי יהונתן געענטפערט: 'ווען איך שטיי אויף צופרי, און איך דערמאן זיך אז איך בין א איד, ווער איך תיכף מרוגש און פרייליך צום באשעפער אז איך בין זוכה צו זיין א אידיש קינד, און איך זאג גלייך דער ברכה שלא עשני גוי, ווייל איך קען נישט ווארטן ביז די ברכת השחר'...

## די קפידא פון רבי יהונתן

רבי יעקב, פון די אינגע תלמידים פונעם הייליגן רבי יהונתן אייבשיץ איז אמאל אויסגעקומען צו ווילן אויף א שבת אין 'איסטאנבול טערקיי', ער האט געדאווענט אינעם צענטראלן שטאטישער בית המדרש, און נאכן דאווענען איז ווי אמאליגע צייטן געווען דער סדר, אז דער רב האט מסדר געווען אלע געסט מיט אכסניות וואו צו עסן די סעודות שבת.

דער רב אינעם ארטיגן בית המדרש איז געווען רבי דוד בכר זי"ע, בעל שו"ת דברי אמת, אבער ווי ערשטוינט איז רבי יעקב געווען אז אים האט דער רב נישט מסדר געווען קיין אכסניא וואו צו גיין עסן סעודות שבת.

עס האט שטארק וויי געטון פאר רבי יעקב, אבער זיך געטרייסט אז דאס איז א בלויזע טעות. צומארגנס נאכן דאווענען איז דער גאנצער ציבור אריבער זאגן 'גוט שבת' פארן רב, ווען אינצווישן גייט אויך רבי יעקב, דער גאסט אין שטאט, אבער דער רב מאכט זיך נישט וויסנדיג פון אים, און ער שטעלט אים נישט צו קיין אכסניא צו עסן.

דאן האט שוין רבי יעקב באמערקט ווי עפעס ליגט דערינטער, אבער האט גארנישט געקענט טוען דערצו. קומענדיג צו שלש סעודות איז געווען דער מנהג אז דער רב לערנט פאר לימודים, און דער ציבור קען אריינפרעגן דעמאלטס זייערע קשיות, דא האט רבי יעקב געכאפט די געלעגנהייט צו ציען אויפמערקזאמקייט פונעם רב צו דערשנאפן וואס עס ליגט דא באהאלטן, אבער צו זיין גרויס לייד האט זיך דער רב ווידער נישט וויסנדיג געמאכט פון רבי יעקב.

דאן איז געקומען צו א מצב וואס רבי יעקב האט זיך מער נישט געקענט איינהאלטן, און אויסגעפלאצט אין א געוויין, פרעגענדיג דעם רב 'וואס האב איך געזינדיגט אז דער רב וויל נישט מיט מיר האבן קיין שייכות'?

האט דער רב געענטפערט 'באמת האב איך גארנישט אקעגן דיר, אבער איך זעה אז עס איז דא אויף דיר א קפידא פון א אדום גדול'.

רבי יעקב האט אנגעהויבן צוריקטראכטן וואס דאס קען מיינען, ווען פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט, אז אין די אינגע יארן אינעם תקופה ווען עס איז אנגעגאנגען די מחלוקת צווישן רבי יהונתן און רבי יעקב עמדין, האט ער געלערנט אינעם ישיבה פונעם הייליגן רבי יהונתן אייבשיץ, איין טאג האט ער זיך אנגערופן צו זיינע חברים 'ווער זאגט אז רבי יהונתן איז גערעכט, אפשר איז רבי יעקב עמדין גערעכט'? זיינע ווערטער זענען אנגעקומען דעמאלטס צו די אויערן פון זיין ראש ישיבה, רבי יהונתן זעלבסט, און עס האט אים זייער וויי געטון אז זיינס א תלמיד קען אזוי רעדן, און האט דאן ארויסגעזאגט פון מויל 'זאלסט זיין פארוואגלט און נישט האבן קיין מנוחה דיין גאנץ לעבן'.

ווען רבי יעקב האט געענדיגט פארציילן פאר'ן רב וואס ער טראכט אז די קפידא מיינט, האט ער זיך אנגערופן 'ריכטיג ריכטיג, דאס איז די קפידא וואס ליגט אויף דיר'.

דאן האט רבי יעקב באשלאסן ביי זיך, און געזאגט פארן רב, אז באלד מוצאי שבת וועט ער פארן קיין פראג, און איבערבעטן דעם רבי יהונתן. האט זיך דער רב אנגערופן צו אים 'וועסט אים איבערבעטן אז דו וועסט זוכה זיין'.

וואונדער איבער וואונדער, רבי יעקב האט תיכף מוצאי שבת זיך ארויסגעלאזט אין וועג, און איז אנגעקומען קיין פראג טאקע פונקט צום לויה פונעם הייליגן רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ט"ז אלול | הרב החסיד ר' ניסן משה בן ר' שלום ע"ה כהנא | תשע"ג | ביה"ח בקרית יואל |
| ט"ז אלול | הרב החסיד ר' יצחק בן ר' יוסף צבי ע"ה געלב | תשס"ב | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ז אלול | הרב החסיד ר' יהודה ארי' בן ר' צבי מרדכי ע"ה ארגעל | תשל"ט | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| י"ח אלול | הילד עקיבא שמחה ע"ה בן ר' יחזקאל הי"ו וואנחאצקער<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשנ"ט | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ח אלול | הרב החסיד ר' בנימין זאב בן ר' אליהו ע"ה ציג | תשפ"ב | ביה"ח בשיכון סקווירא |
| כ"א אלול | הרבנית הצדיקת חוה ז"ל בת הרה"ק רבי יהודה הלוי זצ"ל<br>מחברתו הטהורה של רביה"ק זי"ע | תשנ"ו | אוהל הק' של רביה"ק זי"ע |
| כ"ב אלול | האשה החשובה מרת אסתר מינדל בת ר' זיידא ישראל חיים ע"ה ראטטענבערג<br>אשת הרה"ח ר' ארי' ע"ה | תשע"ג | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |




## ימין על שמאל

יד. מרגלא בפומיה להזהיר שהבגדים יהיו תפורים באופן שיהיה צד ימין על צד שמאל, כידוע שכן מקובל מהרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע שאמר שעל ידי זה מגבירים צד ימין דקדושה על סטרא דשמאלא. והורה לחנך כן (יא) אפילו את הקטנים כא).

## פרטים שונים בענין החגורה

טו. לבש חגורה (על הבעקיטשע) בכל התפילות כב) וגם במשך כל היום כג) , וכן הורה להתלמידים.

### מעיינות הלוי

**כא)** כתב המג"א (סי' ב סק"ג), ישים ב' צידי המלבוש ביד ימינו וילבוש הימין ואח"כ השמאל, ויכוין כי הכל נכלל בימין ומן הימין בא לשמאל (כתבים שער הכוונות סוף ענין ברכת השחר). ובספר יסוד יוסף (פרק מח) כתב וז"ל, כמה פעמים מזהיר בזוה"ק דכל עובדוי דבר נש יזדהר דיהא לסטר דימינא ויכלול שמאל בימינא, ואפילו בלבישת מלבושיו מזהיר הק' האריז"ל, לעולם להקדים לבישת יד ימינא תחלה ואח"כ שמאל, דאז נכלל שמאל בימין וחסדים גוברים, אבל להיפוך ח"ו כו', ומאוד יזהר האדם בדברים אלו, עכ"ל.

ובספר אמרי פנחס (שער תורת האדם אות קעג) כתב, ואומות העולם כל המנהגים שלהם בהיפך, הכתיבה שלהם משמאל לימין, ובכתיבה גופא אין להם ימין, והקרסים שבבגדים שלהם גם כן משמאל לימין.

ובספר דברי מנחם (אגרת ב עמ' רנה) מהרה"ק רמ"מ מרימנוב זצוק"ל כתב וז"ל, עוד חדשים מקרוב באו במנהג חדש של עכו"ם, מהפכין ומניחין צד השמאל של הבגדים על צד הימין צו צי קנעפלין, ובזה מגבירים השמאל על הימין בעוה"ר.

ובספר מנחם ציון כתב, אמר הרה"ק שבשביל כפתור אחד שמשנה על הבגד מימין לשמאל, שורים על זה כמה מאות כיתות חיצוניים, ע"כ.

ובשלחן מלכים (על קצוש"ע טעם הצבי סי' ג סק"ד) כתב, וידקדק שהכפתורים (קנעפליך) יהיו תפורים על צד השמאל והנקבים יהיו נעשים על צד הימין, כדי שאם יחבר מלבושיו יהיה צד הימין למעלה, ועי"ז מגבירין כח הימין על השמאל, וחדשים מקרוב באו שעושין בגדיהם כשל עכו"ם שמהפכין ועושין הנקבים בצד שמאל, ועל ידי כן צד שמאל למעלה ובזה מגבירין צד שמאל על ימין רחמנא ליצלן, וחוץ לזה מעוררין ע"י שמתקרבין בחוקות העכו"ם אש הקנאה הבוער בעכו"ם על עמינו בני ישראל, ומקרא מלא דיבר הכתוב (צפניה א, ח), 'ופקדתי על השרים ועל בני המלך ועל כל הלובשים מלבוש נכרי', עכ"ל.

**כב)** לבישתו בעת התפלה מבואר בגמ' (שבת י, א) משום התנאה לפניו במצות דכתיב 'הכון לקראת' וגו' (עמוס ד, יב). וכתב בעל התרומה (מובא בטור או"ח סי' צא), מכאן יש ללמוד שצריך אדם לאזור איזור בשעת התפלה. וי"א דהטעם כדי להפסיק בין לבו לערוה.

ובמג"א (סי' צא סק"א) הביא דעת רבינו ירוחם (אדם וחוה נתיב ג סוף ח"ד), דמי שרגיל כל היום בחגורה והתיר חגורתו קודם התפלה, צריך לחזור ולחגור, אבל מי שהולך כל היום בלא חגורה, גם בשעת התפלה אין צריך לחגור. ובמשנ"ב (שם סק"ד) כתב בשם מגן גבורים (שם אלף המגן סק"א), ומיהו מדת חסידות אף בכהאי גוונא.

אמנם סתימת השו"ע 62(סי' צא ס"ב), כדעת הסוברים שאפילו יש לו מכנסיים החוצץ, מ"מ מדינא צריך לאזור האיזור בשעת התפלה, וברבינו פרץ (הגהות הסמ"ק סי' יא אות קכד) כתב הלשון 'אסור' להתפלל בלא חגורה, ובנימוקי או"ח (סי' צא סק"א) כתב שדעת רבינו ירוחם הוא דעת יחידאה.

**כג)** כן נהגו צדיקים שחגרו חגורה במשך כל היום, שבנוסף לענין מצות 'היכון' ששייך לשעת התפלה, יש בו ענין של הכנה וזירוז מחמת עסק במצות אשר כל היום עסקו בתורה ועבודת ה' ומצותיו.

### עבודת הלוי

**(יא)** סיפר אחד שכשנכנס בקו"פ הבחין רבינו על מעילו שהכפתורים תפורים משמאל על ימין, פתח לו את הכפתורים וסגרו מימין לשמאל,

**טז.** (יב).

**יז. כשלבש בגד ה'טיש בעקיטשע' לא היתה ה'חגורה' ממין סחורת הבגד, ולפעמים אף הראה שאינו שבע רצון כשראה שמשתמשים בזה** (אם זה מאותו סחורה) **בתור חגורה לתפילה** כה).

**יח. אמר שיש ללבוש חגורה רחבה לתפילה, כי אם לא, אין בזה 'מצות הכון' כדבעי** כו).

**יט.** כז).

**כ. נהג ללבוש את החגורה באופן דלהלן: כפל** (יג) **את החגורה לשנים** כח) (יד) **ואחר כך הכניס את שני קצוות החגורה בתוך הכפל, והקיפו בחזרה לאחוריו מצד שמאל לימין, עד שהגיע בחזרה לצד ימינו, ושם השחיל השני קצוות** (טו) **בתוך החגורה.**

**כא. הידק את החגורה באופן שיהיה צמוד היטב** (טז) **על גופו** כט).

**כב. את שיירי קצוות החגורה תחב לתוך סיבוב החגורה** (יז) **כדי שלא יתלו למטה** ל).

## מעיינות הלוי

ובספר מנחם ציון, רימינוב (פר' תצא) כתב וז"ל, ואמת נכון הדבר, כי במלבושי אבותינו מימי קדם יש על כל דבר כמה סודות ושכל עליון וכו', וכבר דיברתי עם המגיד טעם למה שהולכין בשני חגורות, ואמרתי שכך כתיב (ישעיה יא, ה) 'והיה צדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו', היינו שכשאדם חוגר את עצמו בחגורה אחת, הוא מדמה את עצמו ליוצרו, שנאמר (ס נט, יז) 'וילבש צדקה כשריון', ובהשנית אוזר את עצמו בהאמונה שיהיה נוכח ה' דרכו תמיד, ולא ישכח את הש"י כמו שכתוב (דברים ו, יב) 'השמר לך'.

ובשו"ת מנחת יצחק (ח"ה סי' מא) ביאר כי ענין החגורה שמשתמשים בו להכנה למצוה או תפלה מורה בזה שהוא בגד של חשיבות וקישוט (ונפק"מ להלכה לגבי שבת דמיקרי תכשיט לענין הוצאה). והביא מהלבוש שכתב שכשחגור איזור במתניו, נראה הוא עומד יותר זריז מכשהוא בלא חגורה, דחגורת מתנים מורה על זירוז למצוה שהוא הידור וחשיבות, ור"ל דאפילו אם נאמר שאין בו משום קישוט, ומשום היכון, מיהו יש בו מעלה וחשיבות משום שהוא כדרך גבור המשנס מתניו כשרוצה להתגבר כמובא בכמה פסוקי נביאים בירמיה (א, יז) ואתה תאזור מתניך וגו', עכ"ד.

ואיתא בשם הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע, שאמר בענין חבישת הגארטיל בעת לימוד תוה"ק, וז לשון קדשו: 'א סאלדאט טוט נישט אויס זיינע מונדירן', שגם בעת לימוד התורה הוא ממלא משמרתו כחייל שגם כשאוכל אינו פושט את מדיו.

**כד)** 6כי בזה מינכר שלובשו משום מצות הכון, וכמו שהקפידו צדיקים שיהיה החגורה רחבה, כי יש להדר לחגור בהדרת קודש.

**כה)** בספר דרכי חיים (החדש, אות כה, בציונים) מביא שהדברי חיים זי"ע לבש במשך היום חגורה מאותו מין הבגד שלבש, משא"כ לתפלה לקח חגורה מיוחדת.

ובנימוקי או"ח (סי' צא סק"א) הביא שהבני יששכר והדברי חיים זי"ע היה להם חגורה המיוחדת לשלש תפלות שביום, ונודע טעמם כי אם ילבשו אותו חגורה במשך היום, אז לא יקיימו הכון לתפלה ע"כ.

ובספר מרא דשמעתתא (אות לו בהערות) כתב שהרה"ק מנאסויד זי"ע אמר, כי מאחר ולגבי הוצאה בשבת נחשבות שתי חגורות זו על זו כמשוי ולא כמלבוש, לכן גם לגבי התפלה אין בזה משום הכון לקראת אלקיך ישראל, וצריך חגורה נוספת לתפלה.

**כו)** ראה לעיל (הערה כד).

**כז)** ראה לעיל (הערה כא).

**כח)** בטעם כפילת האבנט לשתים ביאר בקובץ עטרת תפארת (דכוללינו פק"ק טאהש) ע"פ דברי המג"א (סי' ב סק"ג) בשם הכתבים (שער הכוונות סוף ענין ברכת השחר) וז"ל, וישים ב' צידי המלבוש ביד ימינו, וילבוש הימין ואח"כ השמאל, ויכוין כי הכל נכלל בימין, ומן הימין בא לשמאל, עכ"ל. ובהיות שלפי סדר חבישת החגורה כמנהג העולם קשה לקיים דברי הכתבים, לתת ב' הקצוות בימינו וילבוש הימין תחלה ואח"כ השמאל, לכן נהג לכפול את החגורה ולקח שני הקצוות בימינו ולבש קודם את צד ימין ואח"כ את צד השמאל.

כט)בשלחן הטהור (סי' צא ס"א) כתב, צריך לאזור אזור להבדיל בין אברי קודש לאברי חול, ואזור זה יהיה מהודק, ואסור לו להתפלל, משום הכון לקראת אלקיך ישראל בדוגמא דלעילא, אף במדינות שהולכין לפני הגדולים בלא אזור, אסור להתפלל בלתי שיבדיל בחגורה בין קודש לחול. ולענין שאר ברכות ותורה, די שהבגדים מונחים על בטנו אפילו רפיין, אין קפידא, ע"כ.

ובשו"ת מנחת יצחק (ח"ה סי' מא אות ז) כתב, המנהג לדבק עצמו בחוזק, מקורו מספר חסידים (סי' תשעג) דהביא מירמיה (יג, ב) 'ואשים על מתני', וכתיב (שם יא) 'כאשר ידבק האזור על מתני איש', הרי במקום שכתוב שימה צריך לדבק וכו', וכן כשאדם מתפלל צריך שיהא האזור דבוק במתניו, ומציין לגמ' (שבת י, א) דבני בבל היו חוגרים עצמם בחוזק.

**ל)** בהליכות קודש קאסאן (פ"ד אות ו) איתא, לא עשה קשר באבנטו, רק תחב קצותיו בין לבושו ואבנטו.

ובזמירות עטרת יהושע (אות ד) הביא הטעם מהרה"ק מנאסויד זי"ע כי יש בדבר משום חוקות העכו"ם אם הקצוות תלויים למטה, כי כן דרך הכומרים לחגור כך את אבנטיהם.

## עבודת הלוי

ואמר לו, צריך לילך ימין על שמאל כדי שהחסד הרומז על ימין יגבר על השמאל שרומז על דינים ר"ל, והרה"ק רבי מנחם מענדל מרימינוב זי"ע הקפיד על זה מאד שהלבוש יהיה כראוי כנ"ל.ולאחר זמן שוב כשראהו שנזהר בזה, הביע את קורת רוחו שרואה שהדבר בא על תיקונו.

**(יב)** בסוף החגורה עשו חוטים תלויים, ל"ו בכל צד, וע"י הכפל נסמכו החוטים של ב' הצדדים, וכולם ביחד היו כמספר ע"ב, לרמז על שם הק' ע"ב.

**(יג)** והיינו שכפל החגורה לשנים, ומקום הכפל הניח על צדו הימנית, וסיבב את החגורה עד שהגיע למקום הכפל, והכניס הב' ראשים של החגורה בתוך הכפל, והידק היטב את החגורה לגופו, וחזר לסבב שני ראשי החגורה מצד שמאל לאחוריו עד שהגיעו ב' הראשים לפניו בצד ימין, והדקם בתוך החגורה.

**(יד)** ולא נימק טעמו למנהגו, רק אמר שמכוין בזה שעושה מקום הכפל בצד ימין דוקא, ונותן ראשי החגורה מצד שמאל לתוך הכפל שבצד ימין, כדי לכלול צד השמאל בימין.

פעם אחת כשבא הגה"צ המקובל רבי דניאל פריש זצ"ל [מחבר פירוש מתוק מדבש על הזוה"ק] לשהות בצל הקודש אצל רבינו זי"ע, כשנכנס לרבינו ושוחח עמו, נסובה השיחה על אופן לבישת חגורתו, וביאר לו טעמו על אופן הלבישה מחמת טעם הנ"ל.

**(טז)** פעם ראה בחור חוגר את החגורה מהודק היטב, עודדו ואמר: אזוי דארף עס צו זיין.

**(יז)** ובשנים הראשונות היה תוחב קצות החגורה בצד שמאל.

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

ישיבה קטנה
תפארת משולם פייש ד׳טאהש - נ.י.:

# תלמידי הישיבה ענדיגן זיך ב״ה פארהערן גאנץ מסכת גיטין מיט א בהירות

די וואך העעל״ט האבן ב״ה אלע דריי כיתות אין ישיבה געענדיגט בשעטומ״צ די פארבליבענע פרקים פון מסכת גיטין, פרקי השולח און המגרש, און מ׳האט זיך שוין געשטעלט צו די בחינה אויף פרק המגרש, און קומענדיגע וואך וועט מען זיך שטעלן צו די בחינה בס״ד אויף פרק השולח. אזוי ארום וועט מען האבן געלערנט, גע׳חזר׳ט, און איבער גע׳חזר׳ט גאנץ מסכת גיטין מיט א געוואלדיגע קלארקייט, ס׳זאל זיין בע״ה כמונת בקופסא.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו

*

תלמידי הישיבה גרייטן זיך ארויספארן צום ״שבוע שכולו התעלות״ וואו מען וועט פארענדיגן דעם שנת הלימודים אויף די קעטסקילס בערג, וועלכע וועט נאכפאלגן מיט א דערהויבענע ״שבת התרוממות״ און א הערליכער ״מעמד סיום מסכת גיטין״

שטייענדיג סוף זמן הקיץ, און ביים שוועל פונעם יאהר תשפ״ו העעל״ט, נאך א געלונגענעם יאהר וואס בחורי ישיבתינו הק׳ האבען זיך אנגעזאפט בס״ד בתורה ועבודה ויראת ה׳ טהורה, און געשטיגן בכל הענינים לטובה, גרייטן זיך אצינד תלמידי ישיבתינו הקדושה ארויסצופארן בע״ה צום ״שבוע שכולו התעלות״.

די חשובע בחורים צוזאמען מיט די מגידי שיעור ומשגיחים, והמנהל שליט״א וועלן לכבוד די לעצטע וואך פון דעם זמן ארויספארן צו די קעטסקיל בערג, קיין מאנטיסעלאו, וואו מ׳וועט בע״ה פראווען די גאנצע וואך, און דעם קומענדיגן שבת קודש פר׳ נצבים-וילך, ויום א׳ סליחות הבעל״ט אין דעם הערליכן קעמפ, וואו די בחורים וועלן זיך אנשעפן מיט עמערס חיזוק והתעלות.

די ״שבוע שכולו התעלות״ איז ספעציעל געווידמעט אויסצונוצן די פארבליבענע וואך, יום וליל לא ישבותו, פעסט ווידער איבערצו׳חזר׳ן מיט א התמדה גאנץ מסכת גיטין, און עס קונה זיין מיט א קנין נצחי, און זיך שטעלן על הבחינה בס״ד.

ווי אויך וועט מען איבער׳חזר׳ן די לעצטע סימנים שולחן ערוך און זיך שטעלן בעז״ה על כור המבחן.

ליל שישי וועט בע״ה פארקומען דער לאנג ערווארטעטער מעמד כבוד התורה ״סיום מסכת גיטין״, וואו די בחורים וועלן פייערן די גרויסע הארוואניע און יגיעה, וואס מ׳האט אריינגעלייגט א גאנץ יאהר, כדי צו ענדיגן די מסכת און עס איבער׳חזר׳ן, און מ׳האט עס ב״ה מסיים געווען בכי טוב. שישו ושמחו בשמחת התורה.

ישמח האב ביוצאי חלציו, וועלן זיך די חשובע עלטערן אויך באטייליגן צו שעפן נחת פון די חשובע בחורים, וועלכע האבן זוכה געווען צו די שמחת התורה, מיטן זוכה זיין צו ענדיגן און זיך פארהערן בס״ד מסכת גיטין, און מקצועות שלחן ערוך מיט א בהירות.

די הויכפונקט פון די וואך וועט זיין בע״ה דער ״שבת המרומם״, נאך א וואך אנגעפילט מיט תורה עבודה ויר״ש, וועט דער שבת זיין איין שטיק התעלות, און געבן דעם ריכטיגן חיזוק פאר די קומענדיגע ימים הנוראים הבעל״ט. דער שבת וועט געפראוועט ווערן דורך די חשובע מגידי שיעור, משגיחים, המנהל, ובהשתתפות הגה״צ אב״ד קהלתינו במאנסי שליט״א ר״מ בישיבתינו הק׳.

כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון

## מיטוואך פר' כי תצא

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפילין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר שמעון לאק הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפילין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## דאנערשטאג פר' כי תצא

נאך תפילת מעריב האט דער רבי געמאכט קידוש לבנה בחצר ביהמ"ד הגדול, דערנאך געוואונטשן פארן ציבור א גוטן חודש'.

## עש"ק פר' כי תצא

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפילין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר שמואל מאיר מאירוביץ הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפילין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## שב"ק פר' כי תצא

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, די ליכט לעל"נ רביה"ק זי"ע, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, און געוואונטשן א גוט שבת.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' שלום אלי' ב"ר אשר אנשיל סג"ל יונגרייז נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

נאך די פיש האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר תלמידי הישיבה, פארלערנדיג בספה"ק סידורו של שבת, דערנאך ממשיך געווען מיט דב"ק.

שפעטער ביים שלחן הטהור פאר כל הקהל הקודש בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הרה"ח ר' הערשל סאנדל הי"ו פון קרית יואל, הרב משה כהנא שליט"א חתן אב"ד תו"א פון מאנסי, הרה"ח ר' חיים הערש פראנקל הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק, שיר המעלות הב' דוד ב"ר יואל קלמן הערשקאוויטש נ"ו תלמיד ישיבה גדולה. שבח נותנים לו מוה"ר משה אברהם רוזני הי"ו פון בית שמש.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת'.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר אלימלך אהרן הערמאן הי"ו, שחרית האט געדאווענט הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א מספינקא.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרב יצחק אייזיק כ"ץ שליט"א, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, לוי מו"ה דוד אלקנה סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי, שלישי הרה"ח ר' קלמן אליעזר צבי הערשקאוויטש הי"ו פון בארא פארק, רביעי מוה"ר משה יוסף זאבעל הי"ו פון מאנסי, חמישי מוה"ר חיים מאיר ניימאן הי"ו פון מאנטריאל, ששי הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ, שביעי מוה"ר שמואל זאנוויל גרינבוים הי"ו פון מאנטריאל, אחרון הרה"ג ר' יששכר דוב כ"ץ שליט"א בן הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק. הגבה מוה"ר הערשל אייזענבאך הי"ו פון לעיקוואוד. גלילה הב' ב"ר חיים הערש פראנקל הי"ו פון קרית יואל.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו.

פתיחה צו אנעים זמירות הרב יחיאל מיכל כ"ץ שליט"א פון קרית יואל.

◇

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אליעזר בה"ר אלעזר דוד קאהן ני"ו תלמיד ישיבה גדולה ונכד רביה"ק זי"ע.

אז ביום השביעי מוה"ר ישראל בריעף הי"ו. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, שיר המעלות הב' אשר לעמיל לאנדא ני"ו.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◇

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרב אלחנן חיים כ"ץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס הי"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן הרב משה כהנא שליט"א פון מאנסי, לוי מו"ה משה לייב בר"י סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרה"ח ר' חיים הערש פרענקל הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מו"ה ישראל אייזענבאך הי"ו פון לעיקוואד.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הר"ר יהוסף שווארץ שליט"א אב"ד פראג ק"י. דער רבי האט מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א מיט דברי תורה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, מוה"ר יחיאל מיכל יקותיאל פריעדמאן הי"ו חבר הנהלת ת"ת, הרב יצחק אייזיק כ"ץ שליט"א, מוה"ר שמעון שלמה ווייסבערגער הי"ו פון בארא פארק.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שיר המעלות הב' אלימלך זכרי' סאקס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו. דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה מוה"ר משה פנחס מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג, די הבדלה האט געהאלטן הב' ב"ר יעקב ישראל ברוך גוטמאן ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים הערש פראנקל הי"ו צו פארציילן סיפורי צדיקים.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.


מזון הנפש

בעזהשי"ת

סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

= פרשת נצבים וילך =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק כי תבא | דף ל: | דף כז. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף לא. | דף כז: | דף מב: | דף לט. |
| מאנטאג | דף לא: | דף כח. | דף מג. | דף לט: |
| דינסטאג | דף לב. | דף כח: | דף מג: | דף מ. |
| מיטוואך | דף לב: | דף כט. | דף מד. | דף מ: |
| דאנערשטאג | דף לג. | דף כט: | דף מד: | דף מא. |
| עש"ק | דף לג: | דף ל. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' ששח"ב ר"ה
חבורת ז' עמודים - יז. - ל:
חבורת ה' עמודים - לב: - מב.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH 514.500.TOSH

פרנס
השיעורי תורה על 'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט
נתנדב לע"נ
הרה"ח ר' יהודה ארי' בן ר' צבי מרדכי ע"ה ארגעל
יארצייט ביום י"ז אלול הבעל"ט
זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

718.451.8674 514.500.8674
0.333.015.0715 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

איחוד תלמידי חסידי טאהש

יו"ל ע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאן ביכל | פרנסה ביחד